**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/13/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און אטוירני דזשענעראל דזשעימס אנאנסירן אפיציעלע אונטערשרייבונג פון פארפליכטנדע אפמאך צו פאראויס רוקן פולשטענדיגע אפהאלטונג פון נעיווי-GRUMMAN כעמיקאלן אונטערערדישע פארשפרייטונג**

***Northrop Grumman* און פאראייניגטע שטאטן נעיווי אפיציעל פארפליכטעט צו דורכפירן היסטארישע רייניגונג וואס פארמיידט ווייטערע פארשפרייטונג פון פארפעסטיגונג**

***Northrop Grumman* שטימט צו צו א 104.4 מיליאן דאלארדיגע נאטורליכע רעסארס שאדן פשרה צו פאראויס גיין מיט רייניגונג, פובליק וואסער סופליי און אונטערערדישע וואסער באשיצונג פראיעקטן**

***ארבעט שוין אונטערוועגנס צו באשיצן און צוריקברענגען לאנג איילענד'ס איינציגסטע קוואל פון אונטערערדישע וואסער***

גאווערנער קעטי האקול און אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס האבן היינט אנאנסירט די אפיציעלע אונטערשרייבונג פון א פארפליכטנדע אפמאך אין געריכט וואס פאדערט אויף Northrop Grumman צו פאראויס גיין מיט א ברייטע פלאן צו אפהאלטן און אויפרייניגן די אונטערערדישע וואסער פארפעסטיגונג פארשפרייטונג פארבינדן מיט די Northrop Grumman בעטפעידזש איינריכטונג און נעיווי וואפן אינדוסטריאלע רעזערוו פלענט שטחים אין בעטפעידזש. די פולשטענדיגע אפהאלטונג פון די אונטערערדישע וואסער פארפעסטיגונג וועט פארמיידן ווייטערע פארשפרייטונג פון פארפעסטיגנדע כעמיקאלן אין וואסער קוועלער אין דערנעבנדע קאמיוניטיס און גיבן רואיגקייט פאר לאקאלע איינוואוינער.

"עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער צוטריט צו זיכערע און ריינע וואסער, און מיר וועלן פארזעצן צו שטופן פאר פעסטע און אגרעסיווע שריט צו באשיצן אונזער ענווייראמענט און זיכער מאכן אז עס איז פריי פון פארפעסטיגונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די היסטארישע אפמאך ברענגען מיר גערעכטיגקייט צו לאנג איילענד קאמיוניטיס וועלכע זענען פאר צו לאנג שלעכט באטראפן געווארן דורך די אונטערערדישע וואסער פארפעסטיגונג, און אין די זעלבע צייט האלטן די פארפעסטיגער פאראנטווארטליך פאר זייערע מעשים. פארזיכערן די געזונטהייט און זיכערהייט פון אונזערע קאמיוניטיס איז צווישן אונזערע העכסטע פריאריטעטן אין די סטעיט, און מיר וועלן פארזעצן צו זיכער מאכן אז עס איז דא א פארלעסליכע, ריינע וואסער קוואל פאר אלע ניו יארקער פאר קומענדיגע דורות."

**אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן האט Northrop Grumman געוויסט אז אירע סכנות'דיגע אפפאל שטחים האבן געלאזט ארויסרינען פארפעסטיגנדע כעמיקאלן אריין אין די איינציגסטע מקור פון טרונקען וואסער אין לאנג איילענד, אבער פאר צענדליגע יארן האט Northrop Grumman זיך אפגעשאקלט פון אחריות. לאנג איילענד איינוואוינער האבן

צו Grumman געצאלט די פרייז פון די פירמע'ס פארנאכלעסיגקייט, אבער היינט צווינגען מיר ענדליך צו אדרעסירן אירע ענווייראמענטאלע שאדנס דורכן באצאלן די לאקאלע רעגירונגען און די סטעיט וואס האט געדארפט אויפרייניגן נאך איר. נאכפאלגנדיג די סופרים געריכט'ס אומאחריות'דיגע באשלוס צו באגרעניצן די EPA'ס מעגליכקייטן צו רעגולירן פירמעס פאר זייערע שמוציגע עמיסיעס, בין איך נאך מער איבערגעגעבן פון סיי ווען בעפאר צו פארמינערן די שאדנס וואס זענען אנגעמאכט געווארן דורך קערפערשאפטן ווי Northrop Grumman. איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט מיינע שותפים אין רעגירונג צו זיכער מאכן אז קיינער קען זיך נישט ארויסדרייען פון אחריות מיטן שעדיגן אונזער ענווייראמענט, אונזערע נאטורליכע קוועלער און אונזערע קינדער'ס צוקונפט."

"די פארפליכטנדע אפמאך איז א נויטיגע מאסנאם צו זיכער מאכן די זיכערהייט פון אונזער ענווייראמענט און טרונקען וואסער אין די געגנט פון די Northrop Grumman איינריכטונג", **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָו געזאגט.** "עס איז אונזער פליכט צו זיכער מאכן אז אונזערע קינדער האבן א זיכערע ענווייראמענט וואו צו וואקסן און בליהען, און די מאסנאם וועט ברענגען די באקוועמליכקייט און רואיגקייט צו די בעטפּעידזש קאמיוניטי."

די ענדגילטיגע אפמאך לייגט אויס די אפמאך צווישן ניו יארק סטעיט און Northrop Grumman, דעטאלירנדיג די מאס פון Grumman'ס רייניגונג און לייזונג צוריקצאלונגען פאר סטעיט קאסטן און Northrop Grumman'ס פאראנטווארטליכקייט פאר נאטורליכע קוועלער שאדן ( Natural Resource Damages, NRD). די אפמאך ברענגט אויך א שטערקערע בירגער אנטיילנעמונג פראגראם, ארייננרעכענענדיג פינאנצירונג דורך Grumman פאר א בירגער אנטיילנעמונג ארבעטנדע גרופע וואס וועט ערמעגליכן אלע פאראינטערעסירטע פארמישטע פארטייען צו קענען צוקומען צו אינפארמאציע און גיבן ווייטערע עצות איבער די פירמע'ס רייניגונג אונטער אויפזיכט פון די DEC. צום ערשטן מאל רעכנט די אפמאך אריין א צייטפלאן וואס ענדיגט זיך פינף יאר פון די דאטום פון ווען די אפמאך גייט אריין אין קראפט איינמאל עס גייט אריבער די געריכט און פאדערט אויף Grumman צו פארענידן אלע קאנסטרוקציע וואס איז אויסגערעכנט אין די אפמאך. די אפמאך שפיגלט אויך אפ די קאמענטארן וואס זענען ערהאלטן געווארן פון די פובליק דורכאויס א צייט-אפשניט וואס איז געגעבן געווארן פאר די פובליק צו אריינרעדן איבער די פארפליכטנדע אפמאך דורכן שיקן נאך NRD געלטער פון Northrop Grumman צו די באטראפענע וואסער דיסטריקטס און אויסשליסליך היטן אויף אויסטער בעי טאַון'ס רעכט צו אריינגעבן קלאגעס קעגן די פאראנטווארטליכע פארטייען.

אזוי ווי עס אנאנסירט געווארן בעפאר, האט Northrop Grumman צוגעשטימט צו אן NRD פשר פאר א סכום געשאצט צו זיין 104.4 מיליאן דאלאר וואס וועט גענוצט ווערן צו פאראויס רוקן רייניגונג, פובליק וואסער סופלייי און אונטערערדישע וואסער באשיצונג פראיעקטן וואס זענען פארבינדן מיט די אונטערערדישע וואסער פארפעסטיגונג. א סך הכל פון 63.5 מיליאן דאלאר אין באצאלונגען איז אריינגערעכנט אין די NRD, באשטייענדיג פון 29 מיליאן דאלאר געווידמעט פאר די בעטפּעידזש וואסער דיסטריקט, 12.5 מיליאן דאלאר געווידמענט פאר די סאַוט פאַרמינגדעיל וואסער דיסטריקט און 22 מיליאן דאלאר געווידמעט פאר ניו יארק סטעיט פאר באנוץ אויף פארערעכטונג פראיעקטן. אלץ טייל פון די פארפליכטנדע אפמאך איז Northrop Grumman פארבארגט געווארן 40.9 מיליאן דאלאר פאר נאך רייניגונג צו ווערן אונטערגענומען אונטער די פשרה אפמאך.

די פארפליכטנדע אפמאך פאדערט אויף Northrop Grumman צו אפהאלטן די מזרח און דרום עקן פון די פארפעסטיגונג מיט פארמערטע פארפעסטיגונג אויפרייניגונג אין די צענטראלע טייל פון די פארפעסטיגונג. Northrop Grumman דעזיינט און גראבט אפהאלטונג גרובן אין די מזרח-צענטראלע און דרום-מזרח טיילן פון די פארפעסטיגונג צו פארמיידן ווייטערע פארשפרייטונג אין די געגנט און צושטעלן נאך באשיצונג פאר ארטיגע פובליק וואסער סופליי גרובן. די גרובן, צוזאמען מיט אנדערע שריט געפאדערט אונטער די פארפליכטנדע אפמאך, וועלן העלפן אויפרייניגן ארגאנישע און סכנות'דיגע

כעמיקאלן ארויסגעלאזט פון די איינריכטונגען וואס קענען זיך רוקן פון איין פלאץ צום אנדערן, אריינרעכענענדיג Trichloroethylene און 1,4-Dioxane.

פארשנעלערטע ארבעט פאראויס געקומט דורך די אונטערשרייבונג פון די פארפליכטנדע אפמאך רעכנט אריין Northrop Grumman'ס עפענונג פון אן ערשטיגע פארשונג פון די דרום-מזרח פערטל פון די פארפעסטיגונג. די פארשונג רעכנט אריין גראבן גרובן דעם זומער צו פארשנעלערן דאס אינסטאלאציע פון ארויסשעפונג גרובן.
אין צוגאב וועט די פאראייניגטע שטאטן נעיווי, נאך פארהאנדלונגען מיט די DEC, דורכפירן טיילן פון די ברייטע רייניגונג אין טיילן פון די פארפעסטיגונג וואס די נעיווי איז פאראנטווארטליך אויפצורייניגן. די שריט זענען ספעציפיש אויסגעפלאנירט צו אדרעסירן די מערב האלב פון די נעיווי-Grumman פארפעסטיגונג. די פאראייניגטע שטאטן נעיווי וועט אויספירן אירע פליכטן אין איינקלאנג מיט א דאקומענט וואס איז אונטערגעשריבן געווארן אין סעפטעמבער 2021 וואס ערקלערט די באדייטנדע ענדערונגען וואס זענען געמאכט געווארן צו א פריערדיגע אפמאך.

צוזאמען וועלן די שריט און די נעיווי'ס ארבעט אויף די אינעווייניגע חלקים און ארום די פארפעסטיגטע וואסער ערלייכן אפהאלטונג פון פארשפרייטונג און פארשנעלערן די רייניגונג פון די פארפעסטיגונג. אין צוגאב האבן אלע פארטייען צוגעשטימט צו נאכפאלגן פון די נאענט די אפהאלטונג און באוועגונג פון די פארפעסטיגטע וואסער צו זיכער מאכן די אנגייענדע ווירקזאמקייט פון די רייניגונג און צו מאכן סיי וועלכע צופאסונגען אונטער די אפמאך וועלכע זענען נויטיג צו ערלייכן די ציהלן פון די רייניגונג פלאן.

זינט 2020 האבן די פאראייניגטע שטאטן נעיווי און Northrop Grumman שוין געמאכט באדייטנדע פארריט מיטן דורכפירן די געפאדערטע רייניגונג, אריינרעכענענדיג אנהויבן די אינסטאלאציע פון א נעטווארק פון ארויסשעפונג גרובן צו אפהאלטן און רייניגן די פארפעסטיגטע וואסער נוצנדיג היידראלישע פרעשור. צום ביישפיל, די נעיווי האט אנגעהויבן קאנסטרוקציע אויף אן ערשטקלאסיגע אונטערערדישע וואסער רייניגונג פלענט וואס איז ערווארטעט צו אנהויבן ארבעטן שפעטער דעם יאר, אינסטאלירט פיר פון די געפאדערטע זעקס ארויסשעפונג גרובן, אנגעהויבן אינסטאלירן אריבערפירונג רערן פון די ארויסשעפונג גרובן אריבער צו די רייניגונג פלענט און איבערגעמאכט צוויי ריטשאַרדזש ביעסינס צו מענעדזשען די גערייניגטע וואסער, צווישן אנדערע אנגייענדע ארבעט.

אלץ טייל פון די אונטערערדישע וואסער ארויסשעפונג און רייניגונג סיסטעם צו אדרעסירן פארפעסטיגונג צו די דרום זייט פון די בעטפעידזש קאמיוניטי פארק, האט Grumman אויך אנגעהויבן די קאנסטרוקציע אויף א נייע אונטערערדישע וואסער רייניגונג פלענט וואס איז ערווארטעט צו אנהויבן ארבעטן ביז סוף זומער 2022, פארענדיגט צו אינסטאלירן 11,000 פיס פון אריבערפירונג רערן און אנגעהויבן צוגרייטן דריי ארויסשעפונג גרובן. סיי Northrop Grumman און סיי די נעיווי זענען אויך פאר צו אפערירן דריי עקזיסטירנדע אונטערערדישע וואסער ארויסשעפונג און רייניגונג סיסטעמען צו ווירקזאמערהייט אוועק נעמען פארפעסטיגטע וואסער פון לאנג איילענד'ס איינציגסטע אונטערערדישע וואסער קוואל (מער פון 200,000 פונט זינט די ערשטע סיסטעם איז געעפנט געווארן אין 1998). ארבעט אויף די איבעריגע פאדערונגען גייט אן און וועט נאכגעפאלגט ווערן פון די נאענט דורך די DEC.

אין צוגאב צו די שריט פון די פאראייניגטע שטאטן נעיווי און Northrop Grumman צו דורכפירן די רייניגונג, זוכט ניו יארק סטעיט צו האלטן נאך פאטענציאל-פאראנטווארטליכע פארטייען צו אונטערנעמען נויטיגע באמיאונגען אין טיילן וועלכע קענען יעצט נישט צוגעטיילט ווערן צו די פאראייניגטע שטאטן נעיווי און Grumman. אויב די DEC קען נישט טרעפן פאטענציאל-פאראנטווארטליכע פארטייען צו רייניגן די טיילן, וועט ניו יארק סטעיט אונטערנעמען סיי וועלכע נויטיגע רייניגונג.

נאך אינפארמאציע איבער די נעיווי-Grumman רייניגונג איז פארעפענטליכט דא.

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער בעזיל סעגאָוס האט געזאגט,** "מיט די אפמאך איז ניו יארק סטעיט מקיים אונזער צוזאג צו האלטן פארפעסטיגער פאראנטווארטליך און באשיצן קאמיוניטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן פאר צענדליגע יארן פון פארפעסטיגונג וואס איז געברענגט געווארן דורך Northrop Grumman און די פאראייניגטע שטאטן נעיווי אפעראציעס. די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג האט באקומען ווערטפולע קאמענטארן איבער די אפמאך פון די איינוואוינער און לאקאלע פירער און וועט פארזעצן צו ארבעטן פון די נאענט מיט די פובליק אזוי ווי די קאמפליצירטע און ווירקזאמע רייניגונג ווערט פולשטענדיג דורכגעפירט צו פארזיכערן פולשטענדיגע אפהאלטונג פון די פארפעסטיגונג און באשיצונג פון די פובליק געזונטהייט און די ענווייראמענט."

**סענאטאר טשאק שוּמער האט געזאגט,** "נאך יארן פון שתדלנות אין צוזאמענארבעט מיט לאנג איילענד קאמיוניטיס און ניו יארק סטעיט, פאדערט די ענדגילטיגע פארפליכטנדע אפמאך פון Grumman און די נעיווי צו מאכן א שטאנדהאפטיגע אויפרייניגונג, און עס מאכט זיכער אז די גאר נויטיגע געלטער פליסן צו ניו יארק און צו די לאקאלע וואסער דיסטריקטס וועלכע געפונען זיך אויפן פראנט פון די שלאכט. איך וועל פארזעצן צו קעמפן מיט גאווערנער האקול און אטוירני דזשענעראל דזשעימס צו באשיצן די טרונקען וואסער פון איינוואוינער און זיכער מאכן אז די נעיווי און Grumman טוהען אלעס וואס איז נויטיג צו עמטליך אויפרייניגן די פארפעסטיגטע וואסער."

**סטעיט סענאטאר טאַד קאמינסקי האט געזאגט,** "לאנג איילענד'ס אונטערערדישע וואסער קוועלער זענען א וויכטיגע טייל פון דאס וואס מאכט לאנג איילענד ספעציעל. מיט די ענדגילטיגע אפמאך, נעמט די סטעיט אונטער קריטישע שריט צו האלטן פאראנטווארטליך די וועלכע פארפעסטיגן אונזער וואסער, זיכער מאכן אז מיר קענען צושטעלן ריינע און זיכערע טרונקען וואסער פאר צוקונפטיגע דורות. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט מיטן העלפן באשיצן אונזערע קאמיוניטיס."

**סטעיט סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** "דאס אויפרייניגונג פון די Grumman פארפעסטיגונג איז געווען א פריאריטעט ביי מיר זינט איך בין אריין אין אפיס. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און אטוירני דזשענעראל דזשעימס פארן קומען צו אן ענדגילטיגן אפמאך מיט Northrop Grumman וואס איז אנטוויקלט געווארן אינזין האבנדיג קאמענטארן און אינטערעסן פון די פובליק – בשעת'ן באשיצן לאנג איילענד טעקס באצאלער. פארזיכערן די נויטיגע פינאנצירונג איז א וויכטיגע געווינס פאר לאנג איילענדער, אזוי ווי עס וועט גענוצט ווערן צו שטיצן די לאקאלע וואסער דיסטריקטס און זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו באשיצן אונזער ריינע וואסער."

**סטעיט סענאטאר דזשאן ברוּקס האט געזאגט,** "די בעטפּעידזש פארפעסטיגונג איז געווען א פלעק אויף לאנג איילענד פאר צופיל יארן אן א לייזונג אויפן טיש. דורכן אויסהאקן דעם אפהאלטונג אפמאך מיט Northrop Grumman, זעהט עס אויס אז גאווערנער האקול און אטוירני דזשענעראל דזשעימס האבן עררייכט דאס וואס קיינער אנדערש האט נישט געקענט: א ברייטע פלאן צו אפהאלטן און רייניגן די פארפעסטיגטע אונטערערדישע וואסער און ווייטער פארבעסערן די געזונטהייט און זיכערהייט פון די וועלכע זענען באטראפן געווארן. אזוי ווי די פארפעסטיגונג איז פון די סאמע וויכטיגסטע זאכן צו די איינוואוינער אין מיין דיסטריקט און א הויכע פריאריטעט ביי מיר גייענדיג פאראויס, אפלאדיר איך גאווערנער האקול און אטוירני דזשענעראל דזשעימס פאר זייער פירערשאפט אויף די וויכטיגע נושא."

**סטעיט סענאטאר דזשים גאָוגרען האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און אטוירני דזשענעראל דזשעימס פאר זייער מידלאזע ארבעט צו צווינגען Northrop Grumman צו אויפרייניגן די שאדנס וואס זיי האבן אנגעמאכט צו אונזער אונטערערדישע וואסער קוואל. היינט איז א גרויסע טאג פאר אונזער ענווייראמענט, אונזער טרונקען וואסער און אונזער אינזל'ס צוקונפט."

**סטעיט סענאטארשע ענע מ. קאפלאן האט געזאגט,** "יעדע קאמיוניטי אין לאנג איילענד איז געדראעט געווארן דורך די אונטערערדישע וואסער פארפעסטיגונג אין סיי וועלכע קאמיוניטי, און עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן טוהן אלעס וואס מיר קענען נאר צו אויפרייניגן די שמוץ פון אונזער אינדוסטריאלע פארגאנגענהייט, בשעת'ן האלטן פארפעסטיגער פאראנטווארטליך פאר דאס וואס זיי האבן איבערגעלאזט. איך בין איך בין דאנקבאר אז גאווערנער האקול אדרעסירט די ריזיגע Grumman פארפעסטיגונג מיט א ברייטע און פולקאמע פלאן פאר אויפרייניגונג צו באשיצן לאנג איילענד טעקס באצאלער, און איך בין שטאלץ צו שטיין מיט איר אויף אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן טרונקען וואסער אין לאנג איילענד."

**אסעמבלי מיטגליד סטיוו ענגעלברייט האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס איז א היסטארישע טריט צו פארריכטן די ענווייראמענטאלע אומרעכטן וואס זענען ארויסגעקומען פון די בעטפעידזש ווסער פארפעסטיגונג. אלץ די איינציגסטע מקור פון טרונקען וואסער פאר אונזערע איינוואוינער, מוזן מיר האלטן פאראנטווארטליך די וועלכע פארפעסטיגן עס. איך אפלאדיר די גאווערנער און די אטוירני דזשענעראל פארן ברענגען די שריט צו אויסגעפירט ווערן."

**אסעמבלי מיטגליד דעיוויד ג. מעקדאָנאָו האט געזאגט,** "איך שטיץ די גאווערנער און אטוירני דזשענעראל מיט די שריט וואס זענען אזוי וויכטיג צו באשיצן די ענווייראמענט, און ספעציפיש אונזער וואסער סופליי אין לאנג איילענד."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאַן מיקעלין האט געזאגט,** "אלץ א סטעיט געזעצגעבער בין איך געווען א מידלאזע שטיצער פון די באמיאונגען צו באשיצן אונזער וואסער סופליי און האלטן פארפעסטיגער פאראנטווארטליך פאר די קאסטן פון אויפרייניגן די Grumman וואסער פארפעסטיגונג. די היינטיגע פארפליכטנדע אפמאך איז א וויכטיגע טריט אינעם האלטן Grumman פינאנציעל פאראנטווארטליך פאר די פארגאנגענע פארפעסטיגונג פון אונזער אונטערערדישע סופליי. איך בין אויך קאנצענטרירט אויף די ארבעט וואס דארף נאך געטוהן ווערן, און איך בין דא צו פארזעצן צו ארבעטן מיט די סטעיט און לאקאלע בעאמטע צו פארזיכערן א געזונטע ענווייראמענט פאר שכנים וועלכע וואוינען אין און ארום די פארפעסטיגטע וואסער געגנט."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל דורסאָו האט געזאגט,** "איך אפלאדיר די פארפליכטנדע אפמאך וואס האלט Grumman פאראנטווארטליך פארן פארפעסטיגן אונזער אונטערערדישע וואסער, און איך באדאנק מיין פארגייער, אויסטער בעי טאַון סופערווייזאר דזשאָוסעף סאלאדינאָו פאר זיין ארבעט אין די סטעיט אסעמבלי וואס האט געפירט צו די ערדייכונג. אלץ אסעמבלי מיטגליד קוק איך ארויס צו פארזעצן א שטארקע, צוזאמענארבעטנדע שותפות מיט גאווערנער האקול, די DEC, אויסטער בעי טאַון און מיט לאקאלע וואסער דיסטריקטס ביים באשיצן די ענווייראמענט און וואסער סופליי פאר בעטפעידזש און די ארומיגע קאמיוניטיס."

**אויסטער בעי טאַון סופערווייזאר דזשאָוסעף סאלאדינאָו האט געזאגט,** "די געזעץ וואס איך האב געשריבן אין די סטעיט אסעמבלי איז אנגעקומען צו א נייע דערגרייכונג מיט די היינטיגע פארפליכטנדע אפמאך וואס האלט Grumman פינאנציעל פאראנטווארטליך פאר די פארפעסטיגונג אין די פארגאנגענהייט. כאטש עס איז נאך געבליבן פיל ארבעט צו געטוהן ווערן, בין איך שטאלץ אז אונזערע געמיינזאמע באמיאונגען – דורך גאווערנער האקול, די DEC, אויסטער בעי טאַון און די לאקאלע וואסער דיסטריקטס – באשיצן בעטפעידזש און ארומיגע קאמיוניטיס פון די פארפעסטיגטע וואסער און די סכנה דערפון צו אונזער קאמיוניטי, די ענווייראמענט און וואסער סופליי."

**בעטפּעידזש וואסער דיסטריקט סופּעראינטענדענט מייקעל דזש. בופּיס האט געזאגט,** "די היינטיגע אונטערשרייבונג צייכנט אפּ די ענדע פון א לאנגע קאפּיטל – און די אנהויב פון א נייע – פאר די בעטפּעידזש קאמיוניטי. אין די נאמען פון די בעטפּעידזש וואסער דיסטריקט, וויל איך באדאנקען יעדן איינעם וואס איז געווען פארמישט אין דעם פראצעדור און האט אונז געהאלפן אנקומען ביז דא. איך וויל פערזענליך באדאנקען קאמישאנער סעגאָס און דעפּיוטי קאמישאנער ברענד פאר זייער אנטשלאסענע שטיצע. זאל עס זיין היסטארישע פארפעסטיגונג אדער נייע ארויסשפּראצנדע סכנות — בעטפּעידזש וואסער דיסטריקט וועט אייביג אויפשטיין פאר אונזער קאמיוניטי, אונזערע קליענטן און פאר חדי קוואליטעט פון אונזערע טרונקען וואסער."

**קעווין ריילי, סופּעראינטענדענט פון מעסעפּיקווע וואסער דיסטריקט, האט געזאגט,** "עס דערפרייידט אונז אז Northrop Grumman האט צוגעשטימט צו די איבערגעארבעטע באשלוס ( Record of Decision) וואס וועט אפּהאלטן די פארשפּרייטונג פון די פארפעסטיגטע וואסער און באשיצן די פּובליק טרונקען וואסער מקור. מיר זענען דאנקבאר פאר די DEC'ס באמיאונגען מיטן אויספירן דעם פראיעקט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418